STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05062

BAY DAYNE TOYERN

S. Schneirson

Permanent preservation of this book was made possible
by Libby Kane
in memory of
Rose & Hyman Resnick and Rose & Edward Kane

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ז. שניאורסאָן

בײַ דײַנע טױערן



Copyright
by S. Schneirson
Montreal, Canada
1943

פיר מיך — מאַטער שטערן

פיר מיך מאַטער שטערן

פיר מיך מאַטער שטערן וואוהין דו ווערסט מיך פירן,
אַ מידער מענטש אין פּיין שטעלט זיך ניט אַנטקעגן.
כ׳האָב געזוכט מיין פרייד אויף ווייטע, פרעמדע וועגן,
ווי מיט ליפּן דורשטיקע אַ קוואַל צו באַרירן.

זי פלאַטערט ערגעץ אום די שטילע פרייד געגאַרטע,
כ׳קאָן זי אויף די שטעגן קיינמאָל ניט געפינען.
אין דער נאַכט פון אומרו וואַרט איך אויף באַגינען,
אויף ליכטיקן באַגין פון דעם אָפּגעגאַרטן.

וויזיע אין דער פינסטערניש ווערט מיך מער ניט נאַרן,
זי שלייכט זיך נאָר פאַרביי אין לאָקענדע וואָלן.
מיינע העלסטע שעה׳ן — זילבערנע באַקאַלן,
נישטאָ קיין טראָפּן פרייד אין זיי נאָך אַזויפיל גאַרן.

נישט פאַר מיר יונג טאָג ווען מיין קאָפּ ווערט גרויער,
דיין געזאַנג פון גאָלדן ליכט אויף מיין וועג דעם שווערן.
איבער מיר מינעט זיך אַ ווייטער, מאַטער שטערן,
ביז אַ האַנט פאַרהוילענע ווערט אַנקלאַפּן אין טויער.

מיין האַרץ אין געראַנגל

ווי שאַרף־קאַלטער שטאָל זיין אָטעם אויף מיר,
וואָס נעענטער אַלץ מעכטיקער ווערט ער.
מיין האַרץ ווערט פאַרשטיינערט פון זיין באַריר.
איך פאַל ווי אַ בוים אַ פאַרצערטער.

מיין האַרץ אין געראַנגל ביים ראַנד פון תהום,
דער פאַרהוילענער סוף מיינער לויערט.
ניט אַזוי די שרעק פאַר דעם פינסטערן ים,
ווי דער גרויזאַמער פיין וואָס געדויערט.

ער שטייט איבער מיר גרייט מיט זיין שווערד,
וויל מיך אויף אייביק פאַרדאַרבן.
נאָר פאַראַן אַזאַ האַנט וואָס פירט אויף דער ערד,
די האַנט וואָס לאָזט מיך ניט שטאַרבן.

כ׳האָב נאָך ניט דערגרייכט דעם סוף פון מיין וועלט,
כ׳קום ווידער צום פעלד פון געזאַנגען.
אַ מאַטער פונק טליעט, ווערט ווידער צעהעלט,
אַרום מיר איז אַ ליכט אויפגעגאַנגען.

װיזיע

װי אויגן אויסגעלאָשענע — די פענסטער פון מײַן שטוב,
טונקל־גרויע װענט רינגלען מיך אַרום.
נאָר עמיץ אין דער נאַכט קומט צו מיר צוגײן
און עפנט פאַר מיר אויף אַ טויער אומגעזעהן.
ער שפּרייט װי זילבער־פליגל זײַנע װײַסע הענט
און גיסט אַ גאָלדן שפּריי אין שװאַרצן האָריזאָנט . . .

װער האָט מיר פאַרװאַנדלט דעם נאַכטיקן תּהום
אין אַ װאונדער־פּאַלאַץ פון לויטער ליכט באַהעלט ?
גאָט, מײַן אײגן פײַער אין פינסטערן געװעב,
פון פונקען אויפגעשלאָגענע אין דער שעה פון פּײַן,
ניט קײן פרעמדער שײַן מײַנע אויגן בלענדט
אויף װעגן ניט באַטראָטענע, צו װעלטן ניט דערמאָנט . . .

זומער אין וואַלד

איך זוך שטיל מיין רו אין וואַלדיקן שאָטן,
אויך אינ׳ם וואַלד נאָגט מיך מיין פּיין.
כ׳זעה ווי דאָס געוועב פון זיין אייגענעם זיין
ווערט דאָ אויף אייביק צעטראָטן.

שפּרייז איך איבער שטאַמען צעפּוילטע אַריבער,
טרעסטשעט די קאָרע פון געפאַלענעם בוים.
נאָר פאַראַן אַזאַ פרייד וואָס לאַכט אויס דעם תהום
און רייסט זיך דאָ קיינמאָל ניט איבער.

אין דער גרין באַלויכטענער שטאָט פון גבורים
זינגען די ביימער דאָס געזאַנג פון אין סוף.
אויפ׳ן שטויב פון געפאַלענע קומען אַנדערע אויף
מיט אַ מעכטיק געזאַנג וואָס ווערט ניט פאַרלוירן.

גייט אויף דער וואַלד אַרום מיר אַ דערפרייטער,
אַט טיף גריז, שפּעטער — קופּער־רויט,
מיט פרייד פון געבלי אין באַריר מיט׳ן טויט
אויף דעם הויכן אין סופיקן לייטער . . .

כ׳האָב געעפנט צו די בערג מיינע אויגן

כ׳האָב געעפנט צו די בערג מיינע אויגן,
זיי האָבען מיך פעלזיק פאַרריגלט.
כ׳בין לאַנג שוין אַריבער די הויכן
און שטיי אַלץ אין שטיינערנעם עגול.
קאָן זיין אַז די גייסטער פון דורות
האָבן מיין האַרץ שטיל פאַרזיגלט.

מיין האַרץ אין אַ שטיינערנעם קלאַמער
ווי אַ קוואַל הינטער פעלזן באַהאַלטן.
שלאָגט אין מיר פעסט ווי אַ האַמער,
דער שטיין לאָזט זיך קיינמאָל ניט שפּאַלטן.
אַזוי וועט זיך ראַנגלען מיין האַרץ
ביז׳ן אייביקן קבר דעם קאַלטן.

ווי זאַמען אויף פעלזן

יעדער שטעג מיינער אויף בערג איבער פעלדער —
איינזאַם ווי איך בין אַליין.
איך האָב מיינע ליכטיקע שעה׳ן צעוואָרפן
אין שטילקייט אויף שטויב און אויף שטיין.

טעג מיינע צעזייטע ווי זאַמען אויף פעלזן,
איך גיי פון די בערג שוין אַראָפּ.
פון אייער גרויס ליכט אַ שפור נאָר פאַרבליבן —
דאָס זילבער וואָס רוט אויף מיין קאָפּ.

צו דיין בליהונג, ערד

צו דיין בליהונג, ערד, אייביג יונגע ערד,
פליטערט דאָס בלויקייט פון טייכן אַרום.
און שטיל אין דער נאַכט נידערט דער טוי
אויף טרוקענע זאַנגען און דורשטיקער בלום.

צו דיין בליהונג, ערד, ווייט־צעשפּרייטע ערד,
צינדן זיך באַגינען די ראַנדן פון רוים.
אויף דיין קאַלטן שויס גיסט זיך העלער גלוט,
כוואַליען זאַנגען גאָלד, בליען פעלד און בוים.

צו דיין בליהונג, ערד, אייביק־שטילע ערד,
פליסן די קוואַלן פון הויכן צום פעלד.
דיין גרין־זיידן קלייד פלאַטערט אין שיין,
אַרום מיר — די בערג הויערן באַהעלט.

אין דיין בליהונג, ערד, אונטער העלן רוים,
בין איך אויך אַ בליט אין גאָלדענעם שיין.
נאָר אַלץ מוז פאַרגיין ווי דאָס ליכט פונ׳ם טאָג.
אַ בליהונג פון פעלד, ווי גרויס איז דער פּיין . . .

שווערע, טריבע טעג

שווערע, טריבע טעג.
קיין פוס ניט איבער שוועל,
שטעהט דער כוס פון איינזאַמקייט
נאָר פאַר מיר אַליין.

איך טרינק פון אים אין דורשט
ווי אַ וואַנדערער פון קוואַל.
דער בעכער פון מיין איינזאַמקייט
בלייבט אַ פולער שטעהן . . .

נשמה מיינע

נשמה מיינע אייביקע,
פון העכסטער לויטערקייט,
דו זיצסט געהילט אין טרויער,
אין דיין אָרים, קליין געצעלט.
שטום פלאַטערסטו אין ווער
אַ שטילע אומגעזעענע
און טראָגסט אין זיך פאַרבאָרגן
דעם צער פון דער וועלט . . .

אַראָפּגעשוועבט האָסטו
פון הימלען העל־שיינענדיק,
פון הויכקייטן אומענדליכע
אויף זינדיקער ערד.
וואו אייפער און נקמה
הערשן גרויזאַם־בלוטיקע
און פון געיאָגטן דאָס געשריי
ווערט קיינמאָל ניט געהערט.

כל זמן ס׳וועט אַ לעבנס־פונק
אין מיין האַרץ נאָך טליען,
וועט דער וועג פון ליכט און פרייד
זיין פאַר דיר פאַרשטעלט.
און ווען דער סוף וועט קומען
נשמה מיינע, לויטערע
וועסטו דאַן שאַלענדיק
אַוועקגיין פון דער וועלט.

צום ווייטן, בלויען ראַנד

אויף די הייסע זאַמדן זעהט דער מענטש פון ווייט
אַ קוואַל אין פאַלמען־שאָטן, אַ פעלד אין גאָלדן בלי.
ער קומט צום האָריזאָנט — טויטע, שטילע בערג
און וואו זיין אויג דערגרייכט נאָר
שפּרייט זיך מדבר־גלי . . .

גייט דער מענטש אויף אומוועג אין פלאַמען אומגעזעהן,
מיט זיינע אויגן אָפן צום ווייטן, בלויען ראַנד,
און ווען ער פאַלט אַ מידערביים טויער פון פאַרגיין,
שטרעקט ער זיינע הענט נאָך
צום ניט דערגרייכטן לאַנד . . .

אזויפיל הענט שטרעקן זיך

אַזויפיל הענט שטרעקן זיך

אײדע מאַזען

דערלייזונג פון וועלט, וואָס קאָן נאָך זיין ליבער.
נאָר שווער איז דער וועג דורך בייז־ווילדן שטורם.
מיר טראָגן אויף זיך אַלע דעם עול פון יסורים,
דערגרייכן דעם סוף וועט נאָר דער גבור.

שטאַרקער זיין האַרץ פונ׳ם שונא׳ס כלי־זין.
מיט הענט וואָס בלוטיקן ווי די הענט פון דערלייזער
שפּרייזט ער אין חורבן פון דער שעה דער בייזער
פון בלוט און פון פּיין אַ וועלט צו באַפרייען.

נישט דער גואל אַליין טראָגט אייזערנע קייטן,
ער איז נאָר דער שפּיגל פון ביטערסטע נויטן.
אַזויפיל הענט שטרעקן זיך וואָס קיינער קאָן נישט טויטן,
צו צינדן אַ ליכט איבער וועלט און פאַרשפּרייטן.

זינג אין מיר האַרץ

פאַרגיי נישט אין מיר, דו גאַלדענער פלאַם,
אין דער שעה פון יסורים, ווי אַ ליכט אינ׳ם ווינט.
ביז קומען וועט דער טאָג מיט נקמה פאַר בלוט
פון טויזנטער הרוגים וואָס ווערט ניט באַרוט.
טראָג דורך מיין האַרץ, ווי דער קעמל אין גלי
צו לויטערע קוואַלן, צום ווידערבלי.

זינג אין מיר האַרץ, ווי דער האַמער זינגט,
ווען ער פאַלט אויפ׳ן אייזן אין פייער צעגליט.
ביז ס׳וועט קומען פון רעכנונג דער רוף
פאַר יעדן אומשולדיק־געשענדעטן גוף.
מיין קול דורך פיין רופט אויס און קלינגט:
זינג אין מיר האַרץ ווי דער האַמער זינגט.

מדת הדין

צו וועמען זאָל איך שטרעקן אין תפלה די הענט?
פאַר וועמען זאָל קלינגען מיין קול?
אלקים!
אַז איבער מיר שפּרייט זיך דער הימל ווי שטאָל,
האָריזאָנטן אַרום — ווי פלאַמיקע ווענט
אין דער שעה פון מדת הדין.

ניט קיין וואָלקן נאָר צאָרן האָט דיין הימל באַדעקט,
ניט קיין נאַכט — נאָר בלוטיקער וויי,
אלקים!
דער שאָטן פון אומקום גרויסט זיך און שרעקט,
ווען מענטש גייט אויס מיט אימה־געשריי
אין געוועב פון אַ ריזיקער שפּין.

אויסגעשריי פון אומקום

פאַרגליווערט הענגט דאָס ליד פון לויטערקייט אין רוים,
— ניי באַגין רעדט מיט ביטערקייט אין קול —
ניט קיין פרייד־געזאַנג האָב איך דיר געבראַכט,
נאָר אויסגעשריי פון אומקום דורך קלאַנג פון האַרטן שטאָל.

פאַר וועמען ציטערסטו גרינער אַלטער וואַלד,
דרימלט ערגעץ־וואו דאָס שאַרפע אויג וואָס היט?
— אַרום דעם לייב צעבליטן פון דער שייִנער וועלט
וויקלט זיך אַ ריזן־שלאַנג פון קנאה אויסגעבריט . . .

זיינע שופּן אייזערנע דרעשן בוים און פעלד,
איבער הויכע מויערן הייבט ער אויף זיין קאָפּ,
אַלע שוואַרצע טיפן האָבן זיך צעעפנט,
אין תהומ׳ען פינסטערע פאַלט דער מענטש אַראָפּ . . .

ערגעץ אין אַ וואַלד

ס'שפּרינגען אויף פּאַר מיר אותיות אין פלאַמען.
פאַלן אויף פאַרשלאָסענע טויערן פון תפילה.
ניט פון אַלטן פאַרמעט די קלאָג־רייד פון אַ נביא,
נאָר יעדער נייער וואָגל־וועג אַ בלוטיקע מגילה

ויהי . . . אַ שטילער וואַלד ציטערט אויף אין אַנגסטן —
מחנות וואָגלער יאָמערן אויפ'ן וועג דעם שווערן.
הענט צום טיפן רוים ווי דאַרע, טויטע צווייגן,
ס'וויל דער הימל־שטאַליקער זייער קול ניט הערן.

ניט קיין ווייט געוויין פון דורות לאַנג פאַרצערטע,
נאָר אַ בלוט־געשריי פון שורות לאַנגע קייטן.
אין געוואָי פון ווינט אויף די וויסטע שטעגן,
ערגעץ אין אַ וואַלד אויף אַ וועג פאַרשנייטן.

ביימער איבער קעפּ בייגן זיך אַריבער,
קלאַפּן צווייג אָן צווייג, שאָקלען זיך און שטוינען.
ריזן פון בראשית וויגן זיך אין טרויער,
ס'איז דער גאַנצער וואַלד געוואָרן אַ מקונן.

איבער שוועל פון טאָג איז די נאַכט געפאַלן
מיט צעשפּרייטע פליגל אויפ'ן וועג פון צאַרן.
שוואַרצע אימה וואַשט זיך אין אַ ים פון אויגן,
וואַלד פון אייביק שאָטן איז פינסטערער געוואָרן.

פֿאַרריגלט די טירן

די טירן פֿאַרריגלט,
די לאדן פֿאַרמאַכט,
די שעה פֿון מיין רו
קומט איצט צוגיין.
כ׳זיץ ווי דער מידער
ביים לויטערן קוואַל
אין מיינע באַלויכטענע
פֿיער ווענט אַליין.

ווי שטילע כוואַליעס
פֿאַלן צו צום ברעג —
הער איך נאָר אַרום מיר
דעם אָטעם פֿון מיין איך.
אַקאָרדן פֿון געזאַנג —
דאָס קלאַפּן פֿון מיין האַרץ,
וואָס זינגט אויס די שטילסטע
ניגונים אין זיך.

נאָר פֿון ערגעץ דערהער איך
אַ קול איבער מיר:
דו ביסט ניט אַליין
אין דיינע פֿיער ווענט . . .
אַ קעלט ווייעט אָז,
נעמט דורך מיין געביין,
ס׳שטרעקן זיך צו מיר
טויזנטער הענט.

דו וועסט ניט בלייבן באַרוט
— ברומט צו מיר דאָס קול —
גאָר לויפן מיט אונז
איבער חורבות און פלאַם.
און זעהן די הרוגים
מיט די אייגענע אויגן,
און ראַנגלען זיך אַ ווילדער
אין בלוטיקן ים.

די נאַכט איז פול געוואָרן
מיט אימה און גרויל,
די ערד האָט פאַרשלונגען
די ווענט פון מיין שטוב.
דער הימל צינדט זיך רויט,
מיין האַרץ ציטערט אויף,
כ׳זעה מענטשן ראַיען זיך
ווי ווערים אין אַ גרוב.

אויפ׳ן אָרט פון מיין טיש
שפרייט זיך אויס אַ פעלד,
טאַפּטשען דאָרט גופים
אין בלאָטיקער ערד.
קינדער אין לבושים
צעריסענע אויף זיך,
אידן איינגעהויקערטע
צעבלוטיקט פון שווערד.

גופים שטום־פאַרפייניקט
שאַרן זיך אין וועג.
גייענדיקע חורבות —
דער לעצטער איבערבלייב.
טעכטער אין צעפאַלענעם
געוועב איינגעהילט
פאלדעוועז פאַרשעמט
די קריעה׳ס אויפ׳ן לייב.

די מחנות פאַרמערן זיך
אַז שוואַרץ ווערט דאַס פעלד,
ווי פאַרמעט פון דורות
די פנימ׳ער פאַרגעלט.
ווי פייגל אין אַ שטורם
די אויגן פול שרעק,
אין די נעגל פון הונגער,
אין ציטערניש פון קעלט.

ס׳הויערט איבער וועלט
חרוב׳ער — דער טויט.
בלוט שפריצט פון הארצן,
זידט, שרייט און מאנט . . .
כ׳האָב דאָס ליכט פאַרלאָשן,
די אויגן צוגעמאַכט,
האָט זיך אָנגעצונדן
דער שוואַרצער האריזאָנט . . .

אין די שעה'ן פון אומרו

דאס ליכט פון גאָט אין מיין הארץ,
מיין אויג — צום אין סופיקן רוים.
נאָר אין די שעה'ן פון אומרו
גייט אויס דער גאָלדענער פלאַם.
ווען מענטש פאַרגייט אין געראַנגל
מיט שוימיקע כוואַליעס פון ים,
ווער איך דער טרעגער פון צארן,
דער שפיגל פון פינסטערן תהום.

אַזוי לאַנג ווי מענטש פאַלט אַנידער
אונטער דער גרויזאַמער רוט.
זיין פאַרמעג — פאַר'ן תליון,
די גיטער וואָס ער האָט געבויט.
וועט מאָנען מיין הארץ נאָר נקמה
פאַר וואָגל, פאַר חורבן און טויט,
פאַר אַזויפיל פאַרלוירענע לעבנס,
פאַר ריינעם פאַרגאָסענעם בלוט.

מיין האַרץ זינגט ניט מעהר

מיין האַרץ זינגט ניט מעהר אין שעה׳ן פון שטילקייט
ביים טויער פון גאָלדן באַגין.
כ׳האָב געעפנט מיין פענסטער אין זוניגן גלי —
אַ וועלט אין לבושים פון העל־גרינעם בלי,
נאָר ס׳קומט נישט אַנטקעגן די לויטערע פרייד
ביים טויער פון גאָלדן באַגין.

איבער מיין וועלט אין פינסטער געוועב
וויגט זיך אַ ריזיגע שפּין.
פאַר מיינע אויגן געהען די ליכטיקע טעג
פאַרשעמט און דערנידערט אויפ׳ן בלוטיקן וועג.
ווייל איבער מיין וועלט אין פינסטער געוועב
וויגט זיך אַ ריזיגע שפּין.

יעדע רויז אין פעלד

צעשפרייט ליגט דיין פעלד אַזוי ווייט, אַזוי ברייט,
אַזויפיל העגט קומען דאַ זייען.
נאָר די זריעה — אַ גאָט — וואָס ווערט דאַ פאַרזייט,
שלאָגט אויף מיט טויזנטער ווייען.

יעדע רויז אין פעלד — אַ בלוטיקע וואונד,
צעריסן פון שטעכיקן דאָרן.
דו האָסט נאָכ'ן מבול פאַרשניטן אַ בונד,
פאַרגייט אַלץ אין פלאַמיקן צאָרן.

אין תוך פון מיין פיין — אַ שטיל, ווייט געזאַנג.
דערלייזונג — אין קלאַנג פון די קייטן.
נאָר איך וואַרט שוין אַ מידער אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג,
פון איין גרוי באַגין אויף אַ צווייטן . . .

דערנענטער זיך טאָג

דערנענטער זיך טאָג פון צאָרן צעגליטער,
זאָל די ערד אין גרויס שרעק און אנגסטן אויפציטערן,
ווי אַ מוטער וואָס דערזעהט איר קינד טיף־דערשלאָגן,
פאַרפייניגט פון זיין גורל דעם בייזן, דעם ביטערן.

זאָל דער רוים זיך באַדעקן מיט וואָלקנס בליי־שווערע,
ווי דאָס געמיט פון די מענטשן מיט אָפענע וואונדן,
זאָלן פלאַמען זיך שפּרייטן ווילד ווי דאָס פייער
וואָס די בלוטיקע רוט האָט אין הערצער געצונדן . . .

ווי אַ מעכטיקער דונער זאָל אַ שטים זיך דערהערן,
אַז דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט זאָל ווערן,
פאַרשטיינערט זאָל ווערן פון שרעק יעדער אבר
און דער אכזר זאָל פאַלן אויף זיין אייגענעם קבר.

אַרום פייערן צעצונדענע

די שוואַרצע פרייד פון כאַאָס
אַקערט דורך תהומען,
ווי אַ שווערער שטורם —
שטילע, גלאַטע ים׳ען.
אַט עפענען זיך ברייט
די טויערן פון פינסטערניש
מיט ווילד־צעשפּילטן אויפריר
פאַר סמאַל׳ס קומען.
נאַכט־געוועב פון טיפן
שפּרייט זיך אויף די וועגן,
זוניק־העלע הויכן
באַדעקן זיך מיט וואָלקנס,
רייסט פון זיך די וועלט
איר גאָלדן ציר אַרונטער,
וואַרפט אירע לבושים
אין בלוטיק־רויטע פלאַמען . . .

אין טאָג פון בלוט און צאָרן,
אַרום פייערן צעצונדענע
נאַקעט ליגט די וועלט
פון תאוה אַ צעגליטע,
שלאָגט דאָס הייסע בלוט
אין איר לייב אַנטפּלעקטן
ווי פון ווייַן באַטרונקען
אין דער נאַכט פון הפקר.
מיט אויגן העל־צעפלאַקערטע
מיט אַ פריידיק ציטערן
וואַרט זי ביי די אָפענע
טויערן פון טומאה,
מיט אָרעמס אויסגעשטרעקטע
צום אויפשטייג סמאַל׳ס

אין די גרויזאַם־ווילדע
שעה׳ן פון זיין שליטה.

ער קומט אויף פון די טיפן
מיט אויפגעברויזטער תאוה,
ראַלט די וועלט נעענטער
צום שייטער רויט־צעהעלטן,
וויקלט זי אַרום
מיט זיינע שופּן אייזערנע
ווי אַ ריזן־שלאַנג
מיט שטאַליקער גבורה.
זי קנוילט זיך מיט שגעון־פרייד
אונטער זיינע פליגל,
ביז איר פרוכט וועט צייטיקן —
די זרע פון איר אומקום,
ווען זי וועט זיך וואַשן
אין בלוטן פון איר שקיעה
ווי דער סוף פון אַלע
אומגעבראַכטע וועלטן . . .

ווי אין פּאַלאַץ בּלשאצר׳ס

ווען ווען די האַנט, ווי אין בלשאצר׳ס פּאַלאַץ,
אונזער היינטיקן שונא דערגרייכן
און שרייבן אויף דער וואַנט פון גרויזאַמען רייך
מיט צארן דעם בלוטיקן צייכן?

פּאַר׳ן פּיין פון די מענטשן פון דער ערד אויסגעריסן,
פון היימען אין וואגל פּאַרטריבן;
פּאַר׳ן צער פון די קינדער אין טייך אויף אַן אינזל,
ווי לעמער אויף הפקר פּאַרבליבן.

פּאַר רדיפות אויף מענטשן וואָס ליגן צוזייטע
אין וועלדער און גריבער באַהאַלטן;
און אַ טאַכטער ישראל׳ס אין פעלד ווערט געלעגן,
ווי אַ חיה אויף דער ערד׳ס שויס דעם קאַלטן.

פּאַר די לאַגערן פון טויט, וואו דער מענטש ווערט געפייניגט,
דערוויטערט פון אויג און פּאַרהוילן;
פּאַר די טויזנטער לעבנס צעטראָטן ווי שטויב
אין דעם לאַנד פון סאַדיזם און גרוילן.

פּאַר שנאה אומזיסטער, וואָס שפּרייט זיך פון דאָרטן
איבער אַלע לענדער און ימ׳ען;
פּאַר דעם בעכער פול גיפט, וואָס ער טראָגט צו דער וועלט
און וויל זי אינגאַנצן פאַר׳סמ׳ען.

ווען ווען די האַנט, ווי אין פּאַלאַץ בלשאצר׳ס,
אונזער היינטיקן שונא דערגרייכן,
און שרייבן אויף דער וואַנט פון גרויזאַמען רייך
מיט צארן דעם בלוטיקן צייכן?

קלאַנגען

פאַראַן רייד ליכטיקע

פאַראַן רייד ליכטיקע וואָס ווערן ניט גערעדט,
ווי אוצרות באַהאַלטענע וואָס ווערן ניט געזעהן.
אין דער שעה פון איינזאַמקייט קומען זיי צו מיר,
און צווישן מענש און מענש שטעה איך דאַן אַליין.

זייריידן פון דער ווייט צו מיר פון דעם טיפן בלוי,
און פלאַטערן ווי טויבן אום איבער פעלדער גרין.
איך פרעג זיי נישט פונוואַנען זיי קומען אַן צו מיר,
און געהען זיי אַוועק, פרעג איך ניט, וואוהין.

בלויע אויגן, שטילע, אויגן פון מיין קינד,
דערמאָנען מיך די לויטערקייט פון יענע העלע רייד.
און ס'שפיגלט זיך אין זיי מיין שווערע שעה פון פיין,
דער ציטער פון מיין האַרץ, דער ציטער פון מיין פרייד.

ווייטע קלאַנגען

קלאַנגען ווייטע, זיסע קלאַנגען
אין דער שטיל פון מיין אַליין,
ווי פון וועלטען סודות־פולע
קומט איר כשופ׳דיק צוגיין.

איבער פעלדער, איבער טייכן,
ווי חלומות געוועבט אין פיין,
קומט איר קלאַנגען צו מיר זיסע
ביי דעם בלייכן אוונט־שיין.

קלאַנגען ווייטע, שטילע קלאַנגען,
פול מיט צער, פול מיט וויי,
אויף די פריידן ניט דערגרייכטע,
אויף חרבונות קלאַגן זיי . . .

קום וואַנדער

איך טראָג ניט קיין לבושים פון הייליקע
און זוך ניט קיין תיקון אין וואגל.
איך בין סתם אַ גייער, אַ רגיל
וואָס וואַנדערט אויף וועגן אומצייליקע.

ווי עמיץ פון ווייט וואלט מיך רופן:
קום וואַנדער אין חורבן אין גרויסן,
ווי אַלע וואָס גאָט האָט פאַרשטויסן
מיט צארן פאַרפייניקטע גופ׳ן.

שטיי איך אויף גאָלדענער שוועל

ווי פלאַמיקע גאַרטלען אין בלוי פון באַגין —
האָריזאָנטן רויט אָנגעצונדענע.
גאַט האָט פאַרצויגן אַ שטריק אַרום מיר,
ער בינדט מיך מיט אַלע געבונדענע.

שטיי איך אויף גאָלדענער שוועל פונ׳ם טאָג,
מיינע אויגן מיט בלוט אָנגעגאָסענע,
און פונקען נאָך פונקען לעשן זיך אויס
אויף די ווענט פון מיין האַרץ דאָס פאַרשלאָסענע.

פרילינג ווי אַ קוואַל

פרילינג ווי אַ קוואַל, קינדער שעפּן פרייד,
אויף די פריזבעס וואַרימען זקנים דאָס געביין.
נאָר מיך נעמט אַרום אַ צער אומגעזעהן,
כ׳גיי פון באַרג צו בערגל, פרעג ניט קיין באַשייד.

טעג פון גרויע וואָלקנס, זוניג־העלע טעג,
אַ זיסער חופּה־ניגון האָט מיין האַרץ גערירט.
אַ האַנט אַ פאַרהוילענע האָט מיך שטיל געפירט
אין די קלאָרסטע שעה׳ן איינזאַם אויף מיין וועג . . .

קומט די סדר־נאַכט, דאָס שטיבל פינקעלט העל,
אויפ׳ן טיש געגרייטן פאַלט אַ זילבער־שיין,
נאָר אין האַרץ ביי מיר נאָגט אַ טיפער פיין
ווייל די מאַמע וויינט אין דרויסן ביי דער שוועל.

זי וויינט פון זיך אַרויס די ניט גערעדטע רייד,
דער טאַטע אין דער פרעמד ערגעץ וואַגלט אום.
מיר שטעהען לעבן איר, בעטן: מאַמע, קום,
ברייננג אַריין אין שטוב די שטילע יום־טוב פרייד.

ווייסע זעגלען פלאַטערן

1

ווייסע זעגלען פלאַטערן
— אין דער בלויער ווייט
נענטער קומט די רו
נאָך מיין פּיין פון יאָרן.
אַזויפיל פרייד אין האַרץ,
רו אויף אַלע שטעגן.
פאַר יעדער טאָג פון אומרו,
פאַר יעדער שעה פון צאָרן.

נאָר ריזן כוואַליעס ראָלן זיך
אין שוימיקן געראַנגל.
הויכע בערג פון שטורם
טיילן אונז פאַנאַנדער.
טראָג אַ ווייסער חלום
מיין רו אויף דיינע פליגל.
איך וועל ווייטער ציען
אויפ׳ן שטעג פון וואַנדער.

2

פלאַטערט אום מיין רו
ערגעץ אין דער ווייט.
כ׳האָב אויף איר געוואַרט
זי איז נישט געקומען.
אַ ווייסע, קלאָרע שיף
אין בלויען האָריזאָנט,
צו מיין שטילן ברעג
קיינמאָל ניט דערשוואומען.

דער ראַנד פון וועג

דער ראַנד פון וועג איז גאָלדן בלי
פון קיינעם ניט באַטראַכט.
נאָר אָט לעשט זיך אויס דער גלי —
דער וואָלקן שפּרייט זיין שאָטן.

שטיל געראַנגל . . . פּעלד ביים שטעג
וויל זיך ווידער צינדן.
כ׳גיי אויף טונקל־גרויען וועג,
דער שאָטן וועט פאַרשווינדן.

די פרייד פון מיין רו

ווי אַ קלאָר־ווייסער וואָלקן אין העל־בלויען רוים
הויערט איבער מיר אַ שטיל־געבענשטע שעה.
די רגע׳ס פון מיין רו ווי טויבן אויף דער ערד,
אַ פלאַטער מיט די פליגל — אַ פלי און נישט דאָ . . .

די פרייד פון מיין רו — ווי לויטערער קוואַל
וואָס נידערט אין שטילקייט צום ראַנד פון תהום . . .
דאָך גיב איך די שעה׳ן פון מיין אומרו דעם ווינט
ווי אין האַרבסט זיינע גאָלדענע בלעטער — דער בוים . . .

ערגעץ וואַרט די שעה

ערגעץ וואַרט די שעה פון מיין שטיל פאַרגיין
ווי דער בין השמשות פון אַ טריבן טאָג.
דערווייל אויף ווייטע וועגן גיי איך אום און טראָג
דעם וואגלער־זאַק דעם שווערן אויף מיין מיד געביין.

אַזויפיל בייזע טעג — ווי אַ שאַרפע שווערד
וואָלט זיך אויסגעצויגן אונטער מיינע טריט.
כ׳שטרעק ניט אויס קיין האַנט, מאַן ביי קיינעם ניט,
דאָך ווערט מיין זאַק נאָך שווערער, ציט מיך צו דער ערד.

עמיץ אין דער נאַכט האָט מיך אָפּגעשטעלט.
זיינע אויגן — הונגער, זיין פּנים — טויט־בלאַס.
כ׳האָב מיין זאַק געעפנט, ניט קיין ברויט נאָר האַס
האָט זיך אַנגעקליבן צו דער גאַנצער וועלט.

ווייסע קלאָרע וואָלקנס

ווייסע, קלאָרע וואָלקנס פון דער זון געצונדענע,
איר האָט מיר אייער גאָלד געוואָרפן פאַר די אויגן.
מיין האַרץ צעגאַנגט פון פיין האָט צו אייך געצויגן,
קאַראַוואַנען צו דער ערד קיינמאָל ניט געבונדענע.

לידער פון באַגין שטאַרבן, ניט דערזונגענע,
ביי די ערשטע קלאַנגען בלאַנקט דער שטאָל פון קין.
אַנטקעגן העלן בלוי — דאָס בלוטיקע כלי־זין,
קבר־שטיל אַרום — אַקאָרדן אויסגעקלונגענע.

פון בּראשית

בראשית

פרייד, אַזאַ אויפגעהעלטע פרייד,
פלאַמען ציטערן גיסן זיך צוזאַמען,
ווי דער אויפריר פון באַהאַלטן פייער
אין פאַרבאַרגענע תהומ׳ען.

אין ליכטיק־צעצונדענעם גלי
ווערן זאַמען פאַרזייט צום בלי
פון בראשית ביז די ווייטסטע סופ׳ן
אין רגע׳ס פון פריידיקן שאַפן.

פרייד, אַזאַ לויטערע פרייד
אין די אויגן פון יונגער געווינערן;
אָ! האר פון מענטש און פון וואַלד,
דו זאַלסט אונזער פרייד נישט פאַרמינערן.

נאָר קין דערהערט די שטים פון אין סוף:
דיין ברודער׳ס בלוט שרייט צום הימל אַרויף.
דו וועסט קיינמאָל קיין רו ניט געפינען
פאַר דעם ערשטן טויט פון די טויטן . . .

דער אורמענטש

א

אַרויס איז דער אורמענטש אויף יאַגד פון זיין הייל
מיט שטיינערנער האַק אין זיין האַנט.
האָט ער געטראָפן זיין ברודער דאָרט שטעהן
אין שאָטן פון פעלזיקער וואַנט.

ברודער, וואָס זוכסטו? — קיין רויב ניט, נאָר רו,
איך בלאָנדזשע דאָ איינער אַליין.
אייביק וועט רוען — צאָרנט דער צווייטער —
אין שטויב פון מיין פעלד דיין געביין.

אַ בליץ האָט געטאָן די האַק אין דער לופטן
און ס׳פאַלט אום דער מענטש ווי אַ סנאָפּ.
דער הימל אַ ריינער מיט זוניקן שמייכל
געקוקט צו דער ערד האָט אַראָפּ.

ב

הינטער די בערג אין פעלז אויסגעהוילטן
אַ מוטער מיט קינד אין איר שויס.
זי קוקט צו די שטעגן מיט אויגן צעגליטע
ווי אַ חיה פון דער נאָרע אַרויס.

וואו איז דיין פאָטער מיט פאַנג אויפ׳ן שולטער
— רופט די מוטער צום קינד —
יאָגט ער נאָך אַלץ ווי אַ ווינט נאָך די חיות
אין וואַלד, אין געדיכטן אַצינד?

זי שפּיצט אָן דעם אויער, האַלט איין דעם אָטעם
אַ שאָרך צו דערהערן — אומזיסט.
ס׳פּלאַטערט איר האַרץ, דאָס קינד אין די אָרעמס
דריקט זי אין אַנגסט צו די בריסט.

די זון באַגילדט די שפּיצן פון בוימער,
צינדט אָן די בערג ביים פאַרגיין.
ס׳הערט זיך קיין קול ניט, עס שווייגן די שטעגן
ווי ווייט נאָר דאָס אויג קאָן דערזעהן.

הונגער מיט שרעק ווי געשוואוירענע ברידער
גיבן זיך ביידע די הענט.
זיי נעמען די הייל־פרוי אַרום אין דער פינסטער
צווישן די שטיינערנע ווענט.

זי רייסט זיך אַרויס מיט געשריי אויף די פעלדער,
מיט קול וואָס קאָן רירן אַ שטיין.
ס'צינדן זיך שטערן . . . די בערג נאָר אַנטקעגן
ענטפערן מיט בלוטיק געוויין — — — — — —
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

אַרויס איז דער אורמענטש אויף יאָגד פון זיין הייל
מיט שטיינערנער האַק אין זיין האַנט.
האָט ער געטראָפן זיין ברודער דאָרט שטעהן
אין שאָטן פון פעלזיקער וואַנט . . .

דו קינד פון גרויסן באַשאַף

דער אַדלער איז טיפן לאזור
קרייזט דורך פאַרהוילענע ווייטן.
טראָגט זיך אַ שטורם איבער ערד.
נאָר ער וועט זיין היים נישט פאַרבייטן.
צוריק צו זיין נעסט אויף די פעלזן
קומט אויף די וואַלקנס צו רייטן
דער אַדלער אין טיפן לאַזור.

דו קינד פון גרויסן באַשאַף
ביסט געקומען מיט גרויזאַמען צארן
שטעט צו פאַרוואַנדלען אין חורבות,
און חרב דיין וועלט איז געוואָרן.
ווי אַ חיה אין וואַלד אין צעפלאָמטן
אַליין אין שרעק זיך פאַרלוירן
אַ קינד פון גרויסן באַשאַף.

גאָט

אין גערײַנגל פון שטורם מיט ריזן בערג הויכע,
ווען עס קראַכן די שטײנער אַראָפּ אין די טאָלן
און ווערן אין שטויביקע הויפנס צעמאָלן;
אין ווילדן געררויש פון דעם שטורם
וואָס רײַצט אויף די ימ׳ען אין ברויזיקן צאָרן;
ווען ס׳וואַקלען זיך מאַכטלאָז אויף כוואַליעס די שיפן
און עס לויערן מיט אָפענע מײַלער די טיפן;
ווען עס ברעכט זיך אין אַנגסטן דער שטאַם פון אַ בוים, —
דאַן זעה איך דײַן גרויסע, דײַן שרעקלאַכע מאַכט,
דאַן הער איך דײַן שטים, אין ענדלאָזן רוים.

אין פלוצלינגן אויפשײַן פון בליץ אין די הויכן,
ווען וואַלקאַנס אויף בערג־שפּיץ קומען צורייטן,
און ס׳הילכט דער דונער אין פאַרהוילענע ווייטן;
אין ריזן־געבררום ווען עס ציטערן קינדער
און טוליען זיך שטיל און פאַרגאַפט אין די ווינקלען;
ווען ס׳שניידן זיך דורך ווי פײַלן די בליצן
און וואַנדערער לויפן אין גריבער זיך שיצן;
ווען עס פלאַטערן בוימער און בעטן גענאַד —
דאַן זעה איך דײַן גרויסע, דײַן מעכטיקע האַנט,
דאַן אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר דײַן שטאַרקייט, מײַן גאָט.

באַגינען ווען עס גייט אויף אין שטילקייט די זון,
ווען עס גיסט זיך דער גאָלד־שיין מיט בלויקייט צוזאַמען
און ראָזיג־רויט צינדן זיך יבשה און ים׳ען;
אין געפליטער פון טייכן ביים ראַנד פון די פעלדער,
ווען ס׳שפּיגלט זיך אין זיי פון הימל דאָס לויטערקייט;
ווען עס זעגלען די שיפן אין שטילקייט און ציען
צו ווייטן פאַרהוילענע, צו ברעגן וואָס בליען;
ווען עס פּערלט דער טוי אויף גראָז און אויף בלום, —
דאַן בלענדט מיך דיין ליכט, דיין אייביקע שיין,
דאַן זעה איך דיין שיינקייט רונד מיר אַרום.

דו נעמסט אַרום וועלטן און דו ביזט אַזוי נאָהענט
צו דערוועקן צום לעבן, צום בליען באַגערן,
און כ׳ציט זיך דיין חסד דורך אַלע ספערן.
דו האָסט פון דיין ליכט אַ שטראַל מיר געגעבן
און דורכדעם זעה איך דיין פראַכט און דיין גרויסקייט,
אין שמייכל פון קינד׳ס ליכטיקע אויגן,
אויף ווייט־ברייטע פעלדער מיט גרינקייט פאַרצויגן.
איך זעה אויך דיין ליבשאַפט און דיין גרויס גענאַד
אין קוואַלן וואָס נידערן אַראָפּ פון די בערג.
אויף אַלץ רוט דיין שפע, דיין ברכה, מיין גאָט.

צום בויער

צום בויער

דו האָסט געהאַמערט אַן אייזערנע בריק
אין לאַנג־שווערן גאַנג פון די טעג.
און פון טויזנטער וועגן וואָס דו האָסט געבויט,
פאַר זיך ניט געפונען קיין וועג . . .

ביים ראַנד פון די גרונטן, אויף שולטער פון בערג,
די פעלזן געשפּאָלטן אין גלוט.
דער רוים האָט פאַרשלונגען דיין לעצטן געשריי,
צעריסענע פעלזן — דיין בלוט . . .

האָסט וויסט לאַנד פאַרוואַנדלט אין בליענדיק פעלד,
און דאָרטן פּאַלאַצן געבויט;
און אונטער די באַלקנס פון אייזן און שטאָל
אויף דיר האָט געלויערט דער טויט.

דו האָסט צעריסן דאָס האַרץ פון דער ערד,
און תהום׳ען פון ים׳ען דערגרייכט;
און מיט אַנגסט האָט געוואַרט דיין קינד ביי דער טיר,
אַזוי ציטערדיק, שטיל און פאַרבלייכט . . .

עס קלינגען אַקאָרדן מיט הילכיקער פרייד
אין זאַלן פון גרויסן פאַרמעג.
ס׳זילבערט אין ווייטן פאַרבאָרגן אַ קוואַל,
פון דיר ליגט פאַרהוילן דער וועג . . .

אַן אומגעזעהן ליכט

אַן אומגעזעהן ליכט
בינדט מיך צום בוים,
וואָס שטייט אין די קעלטן
נאַקעט פון בלי.
צום קינד אין זיין פיין.
צום מענטשן אין פעלד,
מיט׳ן פנים ווי בראָנז
פון זוניקן גלי.

צו דעם וואָס טראָגט
זיין יאָך מיט געזאַנג,
און קומט דיר אַנטקעגן
מיט פרייד און מיט ברויט.
שיק איך מיין ברכה
ווי אַ גאָלדן געוועב —
צו אַלץ וואָס זיין ערלאַכע
האַנט האָט געבויט.

ר ו

(פראַגמענט)

מיין הייסער לעבנס־אָטעם
פירטביים ראַנד פון תהום מיך,
וואו בלוט פון מענטשן ווערט פון קיינעם ניט פאַרדעקט.
די שטים פון פיין גייט אויף אומדערהערט,
ווי אומגעזעהן ווערן לעבנס שטיל פאַרצערט.
אין מיין טונקעלען דאָ־זיין
גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן
עפּעס מורא׳דיקס וואָס שרעקט . . .

אַזוי פירט דער וועג דורך פיין, דורך נויט
ביז דערלייזונג דורך טויט.
און אַנדערע וועלן קומען אויף מיין אָרט
מיט דעם זעלבן וואָרט: אַ קום, געגאַרטע רו!
ווייל אַלע ווייטן האָבן זיך דערנענטערט,
נאָר ערגעץ ווייט פאַרהוילן אין לבושים ליכטיקע,
ווי אַ טויב פלאַטערט אום אין שרעק,
די אייביק־שטילע, ניט דערגרייכטע רו . . .

נ א ק ט ו ר ן

(פראַגמענטן פון אַ לענגערע פּאָעמע)

. . . און דו פלאַטערסט אין געשפּענסט,
ווי אַ בלאַט אין קאַלטן הערבסט.
ווי אינמיטן פעלד אַ בלום,
אין געווירבל פונ׳ם ווינט.

ס׳איז דיין בליק וויסט, פאַרשטאַרט,
און דיין האָפן איז גענאַרט,
ווי דאָס זוכן אין דער נאַכט
פון אַ שטום־פאַרלוירן קינד.

— — — — —
— — — — —

און איך קלעטער איינזאַם שטיל
איבער דערנער שטעכיק ווילד,
צווישן הויכע פעלזן גרוי
אויף די ריזן־בערג באַהעלט.

הויכן אין דער אייביגקייט,
פינקלען העל אין לויטערקייט,
שיינען שפּעדיק אַראָפּ
און באַלייכטן העל די וועלט . . .

— — — — —
— — — — —

אוי איך הימלען העל און בלוי,
כ׳בין אַ פונק אין לויטערקייט,
זוכנדיק דעם וועג צו אייך,
ווען ס׳ווערט מיין פיין פאַרמערט.

כוחות פרעמדע שמידן מיך
ווי מיט קייטן אייזן־פעסט
צו דעם לעבן גרוי און מיד
פול מיט טרויער אויף דער ערד.

— — — — —
— — — — —

רינגען

דער קוואַל פון פיין איז ווייט, אומקלאָר,
דאָך גרויזאַם וואָר, דאָך גרויזאַם וואָר.

האַמער קלינג און האַמער קלאַנג,
נאַכט ווי טאָג אַ ווילד געזאַנג.

זאָגט מיר שמידער אין געברויז,
וואָס זשע שמידט איר דאָרטן אויס?

ווי אַ שטורם אין דער טיף
רוישן שטימען אָן אַ צאָל,
— רינגען פעסטע שמידן מיר
פון דעם רויט צעגליטן שטאָל

און די האַמערס ברויזיג־ווילד
ווערן קיינמאָל ניט פאַרשטילט.

פעסטע רינגען אין געררויש,
זאָגט פאַר וועמען שמידט איר אויס?

בלאַנקען האַמערס בליציק־ראַש,
קלאַפּן ברויזיק אומגעשטערט:
— פּאָר די מענטשן ווייט־צושפּרייט
אויף דער גרויסער, שיינער ערד.
יעדער מענטש פון רעכט און לינק
ווערט געפאַנגען אין אַ רינג . . .

סוד׳עט נאַכט אַ ביטער וואָרט,
— אַלץ איז פינסטער דאָ און דאָרט . . .

און די שטימען אין דער טיף
שלאָגן אויף מיט ווילדן וואוט,
— מענטשן ווירבלען אויף דער ערד,
ווערן קיינמאָל ניט באַרוט.

דער קוואַל פון פיין איז ווייט, אומקלאָר,
דאָך גרויזאַם וואָר, דאָך גרויזאַם וואָר.

בערג פון גליל



בּערג פון גליל

גליל׳ער בערג

בערג פון גליל, נאָך ניט פאַרגעסענע,
אַלטע, פאַר׳חלומ׳טע, בלוי־הויכע בערג
שטייען ווי ריזן אין דער אייביגקייט,
און טובל׳ען זיך אין גאָלדענעם שיין.

פון דער פרעמד

מיינע בליקן צו מערב איז טעג פון מיין אויפבלי,
מיין האַרץ האָט געצויגן צו אַ ווייט, רוישיק לאַנד.
געקומען אויף ניי־ערד, דערגרייכט דאָ מיין סוף־בלי,
אין צאַרן מיט ביטערן עלנט באַנאַנד.

ווער קאָן פיהלן דעם פיין פון בוים דעם פאַרדאַרטן,
פאַרטראָגן אין קעלט פון זיין וואַרימער היים?
וואָס קאָן איך פון אַלע מיינע וויזיעס דערוואַרטן? —
ערגעץ אין פרעמדלאַנד אַ שטיבל פון ליים.

אַ בוים אויסגעריסענער, אויב עמיץ וועט זאָגן:
צו ביסטו דען איינער אין ראַש־ווילדן שטראָם?
ס׳ווערן דאָך מאָסן אין ווייטן פאַרטראָגן,
פאַרטריבן פון היימען אויף כוואַליעס פון ים.

כ׳בין טאָקע נישט איינער ווע־מעס שיף האָט געשניטן
טיף־ברייטע ימ׳ען צו דעם רוישיקן ברעג.
נאָר גרויס איז מיין פיין ווייל איך האָב פאַרביטן
די שטעגן פון גליל אויף אַ ווייט־פרעמדן וועג.

דאָס ליכט פון די הויכן וואָס איך האָב באַשטיגן
האָט מיין יונג האַרץ דערפרייט, מיינע אויגן — צעהעלט.
צו מיין אויער — די קלאַנגען פון אַ זיס־שטילן ניגון,
אַן עכאָ פון אַ ווייטער, פאַרגאַנגענער וועלט.

גאָט ברייננ מיך אַהיים וואו איך האָב געטראַכטן
אויף די הויכן וואָס דרימלען אין אייביקער פּראַכט.
צום בערג־לאַנד וואו ס׳האָבן געקעמפט די זעלאַטן
אַ קאַמף ביז׳ן טויט קעגן רוימישער מאַכט.

ברייננ מיך צום הויכלאַנד פון ליכטיקן חלום
צו באַפרייען די וועלט פון בלוטיקן פּיין.
וואו עס האָבן אַזוי טיף געגאַרט מקובלים
די שעה פון דערלייזונג מקרב צו זיין.

נישט פאַראַן אַזאַ שטילקייט וואָס קאָן אַזויפיל דערציילן,
אַזאַ שיינקייט וואָס צינדט אָן דאָס האַרץ וואָס פאַרשטייט.
איידער איך וועל נידערן צו מיינע פּיער איילן
באַהעפט גאָט די אָפּגעריסענע רינג צו דער קייט.

צ פ ת

ווען די שטייגסט אויף אין גליל אין דער שעה פון שקיעה,
אויף הויכקייטן שטילע פון איינזאַמע וועגן,
דאַן זעהסטו מיין היים־שטאָט אין גלוטיקע פלאַמען
און ס׳פינקלען דיר טויזנטער אויגן אַנטקעגן.
עס בלאַנקט פונדערווייטנס אַ גאָלד־ראָזער אפשיין
פון וואונדער־פּאַלאַצן מיט מאַרמאַרנע שטיגן,
ביז נאַכט־שאָטנס פאַלן ווי טונקעלער סאַמעט
און ס׳ווערן די זינגענדע פויגלען אַנטשוויגן.

קום אַרויף די מייסטער פון גלאָררייכן שאַפן.
דו זאַלסט פון מיין הויכלאַנד אַ קונסטווערק אויסמאָלן,
ווען רונד אַרום שטייען די בערג רויט געצונדן,
און ס׳שפרייט זיך אַ גאָלדן געוועב אין די טאָלן.
עס דרימלען די פעלזיקע הויכן אין בלויקייט
ווי אייביקע ריזן מיט קעפּ רונד געפורעמט,
און דאָרט אויפ׳ן באַרג־שפּיץ אין פלאַמיקן אפשיין
הויערט מיין היים־שטאָט ווי אַ גליהענדער טורעם.

וואַנדער אין שטילקייט ווען עס פלאַקערט דער מערב,
רו ביי די קוואַלן ביז טונקל וועט ווערן.
און קום נישט צו נאָהענט ווען ס׳העלט נאָך אַ גאָלד־שפּור
ביז ס׳וועלן זיך צינדן אין הימל די שטערן.
ווייל שעהן פונדערווייטנס איז מיין שטאָט ביי דער שקיעה,
שעהן ווי אַ קעניגין אין טאָג פון איר קרוינונג.
זי רופט דיך אין שטילקייט, דו ווערסט צוגעצויגן,
און קומסטו צו נאָהענט איז צער דיין באַלוינונג.

ווייל אַלט און פאַרלאָזן, צעטראָטן פון דורות,
ווי אַ חרבֿ'ער היכל מיט מאָך גרין פאַרצויגן,
אַזוי שטייט פאַר'חרבֿ'ט די שטילע שטאָט מיינע,
עס האַרבען זיך שטיבער מיט ווענט קרום געבויגן.
די גאַסן זיי דרימלען פאַרזונקען אין שטילקייט,
די בערג אַרום הויערן אין אייביקן שווייגן,
און ס'קלינגען דאָרט שטימען אַזוי איינזאַם פאַר'יתומ'ט
ווי האַרבסטיקע ווינטן אויף נאַקעטע צווייגן . . .

ווער רוט דאָרט אין שויס פון דעם ווילד־שטילן מדבר,
אין גליהענדע זאַמדן אין גרויע פאַרהוילן?
— דאָרט רוען די שלאַנגען וואָס שיפען פול צאָרן,
און וויקלען זיך אייביק געבײלטע אין קנוילן.
אַזוי ליגט צעוואָרפן אַ נעץ פון זיגזאַגן
פון גאַסן אין פלאָנטער אין ווילדן געבויטע,
און עס הענגט איבער שטאָט ווי אַ צייכן פון טרויער
דאָס שטילקייט וואָס הױערט אין פעלד פון די טויטע . . .

אַ פאַרגליווערטע רו אויף גאַס און אויף מענטשן,
די קינדער דערשטיקן די שטים פון געלעכטער,
דאָרט מעסטן בחורים די טריט ווי זקנים,
און טרויעריק־שטיל שפּאַצירן די טעכטער.
עס זיינען מאַט־ערנסט די בליקן פון קינדער
ווי בליטן פון ווינטן פון בייזע דערשלאָגן.
— זיי ווערן פריצייטיק און בלוט־יונג דערוואַקסן
דעם יאָך פונ'ם לעבן דעם שווערן צו טראָגן.

ס׳בלאַנקען שניי־ווייסע די שטיבער געקאַלכט.
זיי שטייען פאַרטאַיעט און טוליען זיך שטילע
ווי זקנים וואָס שטייען פאַר׳דבק׳עט בצבור
אין ווייסן געהילטע אין שעה׳ן פון תפילה.
עס שוועבט די קדושה אין איינזאַמער שטילקייט,
זי האָט קיין מנוחה ניט און האַלט אין איין וואַנדערן,
ווייל קרום איז דער וועג און פול מיט מכשולים
און פרעמד זיינען מענטשן איינער דעם אַנדערן.

קום אַריין דו וואַנדערער ביים שיין פון די שטערן,
דו וועסט אין מיין היים־שטאָט דיין רו דאָך געפינען,
די זיס־שטילע רו פון שעה׳ן געציילטע
ביז׳ן רויטן אויפשיין פון בלויען באַגינען.
און ווען דו וועסט נידערן אין טאָל אַ באַרוטער
וועלן דיך באַגלייטן פאַרהוילענע קלאַנגען.
באַהעלט איז דער שטילער און איינזאַמער גליל
אין לויטערער הויך איז די זון אויפגעגאַנגען.

אַ שטאָט איבער קבֿרים

אַ שטאָט איבער קבֿרים אין פעלז אויסגעהוילטע,
וואָס האַלטן פֿאַרבאָרגן אין זיך דאָס געביין
פֿון טויזנטער העלדן וואָס זיינען געפֿאַלן
אין קאַמף פֿאַר׳ן לעבן און אייגענער ערד.
גבורים זיי רוען אין אייביקער שטילקייט
אויף פֿעלדער אויף ברייטע אין שאָטן פֿון שטיין.

גבורים וואָס האָבן דעם גליל פֿאַרטיידיקט
מיט בלוטענדע הערצער פֿון בלאַנקענדער שווערד.
זיי זיינען געפֿאַלן אין קאַמפֿן אין שווערע,
מיט מענטשן ווי חיות וואָס דורשטן נאָך בלוט.
זיי רוען צעזייטע אויף פֿעלזיקע הויכן,
ווי שלאָפֿענדע ריזן אין שויס פֿון דער ערד.

אַ שטאָט איבער קבֿרים פֿון דורות ווייט־אַלטע,
פֿאַרבליבענע שפּורן וואָס בליקן אַרויף
מיט הייליקער שטילקייט פֿון גרויסע מאַרטירער
וואָס לויטער ענוים איז געווען זייער וועג,
דערלייטערט צו ווערן דערהויבן און הייליק,
וואָס שנעלער דעם גלות דערפֿירן צום סוף.

פאַרטריקנטע גופים, פאַרצעהרט פון סגופים,
און לויטער געלויכטן האָט זייער געזיכט.
זיי האָבן ווי לייבן געקעמפט פאַר דערלייזונג,
די ליכטיקע שעה האָט נאָך ניט דערגרייכט.
זיי שוועבן פאַרבאָרגן, די גייסטער די גרויסע,
אויף גליל'ער הויכן אין לבושים פון ליכט.

אַ שטאָט איבער הויפנס פון אַלטע מצבות
וואָס פינקלען ווי זילבער אין ליכטיקן שיין.
זיי ריידן, דערציילן פון זקנים גרייז־גרויע,
וואָס האָבן געצויגן צום חרב'ען לאַנד.
געקומען פון ווייטן, ווי קינדער יתומים,
צו טרייסטן די מוטער אין איינזאַמען פיין.

אין לויטערקייט הויערט די שטילע שטאָט מיינע,
געדריקט אין די שטיינערנע אָרעמס פון טויט.
זי גאַרט אין איר שטילקייט צום ליכט פון גאולה,
זי וואַרט ווי אַ כלה אויף קומענדער פרייד,
ווען בערג וועלן זינגען די לידער פון בליהונג
און ווידער וועט ווערן דאָס לאַנד אויפגעבויט.

רבי יוסף דילה ריינה

א

קומט מיט מיר אויסדערוועהלטע,
— האט גערעדט רב יוסף דילה ריינה —
עס וועט נאך דאס ליכט פון גאולה
פאר אונזערע אויגן זיך שפרייטן
אין אלע פארפייניקטע הערצער,
אויף די שטילע, פארלאזענע וועגן,
אויף די שטיינערנע איינזאמע הויכן,
אינ׳ם אויג פון דעם מענטשן אין קייטן . . .

קולות ווי אין מדבר פארלוירענע,
— האט געציטערט די שטים פון א תלמיד —
ווי בלוט־געשריי אויף די פעלזן
פון צעשלאגענע פייגל אין שטורם.
פארריגלט דער טויער פון רחמים,
פול דער וועג פון מכשולים,
אט זיינען דאך עדות די שפורן
פון טויזנטער צעאקערטע קברים . . .

כביכול זעהט וואגלען נשמות,
זיי קאנען קיין רו ניט געפינען
אין געהיל פון נאכט איבער פעלדער,
באגין — אויף די זילבערנע שטעגן.
דאך שטיל צום געשריי פון די דורות
צעשאטן געביין אונטער חורבות
אין שאטן פון נאקעטע פעלזן
צעשפאלטן פון ווינט און פון רעגן.

די נאַכט פירט אונז אַלע צו שטרויכלונג,
— האָט געוואָרנט רבי יוסף דילה ריינה —
זאָל אויף דעם וועג פון גאולה
פון שרעק ניט פאַרבלייבן קיין צייכן.
דער גבור פון גייסט וועט דאַך גובר זיין
דעם פינסטערן כח פון טומאה.
דער מענטש מיט לויטער אמונה
וועט די שעה פון דערלייזונג דערגרייכן.

פונקען אין דער נאַכט אויסגעלאָשענע,
וועבן נאָך דיקער דאָס פינסטערניש.
זיי באַהעפטן זיך נאָר מיט׳ן שטן
און שפרייטן די אימה פון קברים . . .
ווער ס׳שטייט נישט אין קאַמף ווי אַ ים־פעלז
וואָס צעשפּליטערט די ברויזיקע כוואַליעס
זאָל ווי אַ שפּין זיין פאַרבאָרגן
אין שאָטן בחדרי־חדרים . . .

ב

ביים קבר רבי שמעונ׳ס אין גליל
איז געשטאַנען רבי יוסף דילה ריינה.
די הענט אויפ׳ן שטיין אויסגעצויגענע,
די אויגן ווי ליכט אָנגעצונדענע:
אַ גרויסע נשמה פאַרבאָרגענע,
מיר גאָרן דעם סוף צו דערנענטערן,
צורייסן די קייטן פאַרבלוטיקטע
פונ׳ם גואל׳ס הענט די פאַרבונדענע . . .

ס׳קומט אויף פון שייטער דער אחד־רוף
פון נשמות אין פלאַם אויפגעגאַנגענע,
רייד פון אמונה אונטער בלאַנקער שווערד
מיט׳ן לעצטן הויך פון דערשלאָגענע.
זאָל דער שם דורך קדושים דערהויבענער
דערזעהן דעם פיין פון פאַרוואָגלטע,
ווי אין שטורם אַ שיף אַ פאַרלוירענע.
אין די ווייטן פון ברעג אַ פאַרטראָגענע.

מקובלים אין דער נאַכט קוים באַלויכטענע,
ווי ביימער פון ווינט טיף־געבויגענע,
ווי מענטשן מיט הערצער וואָס בלוטיקן
אין די הענט פונ׳ם שונא געפאַנגענע.
און פלוצלינג די גופים אין ציטערניש
ווי אונטער דער רוט פון די פייניקער
זיינען צו דער ערד צוגעפאַלן
מיט געיאָמער פון דורות פאַרגאַנגענע . . .

ס׳האָט געפלאַטערט אַ שטים אַ פאַרהוילענע
איבער די גליל־בערג חרוב׳ע:
מקובלים איר וועט ניט מקרב זיין
די גרויסע שעה די געלייטערטע — —
— — — — —
— — — — —
תפלות אין פיין אויסגעזונגענע
אויף איינזאַמע פעלדער אומדערהערט.
אַזוי וויינען די פלייטן פון פאַסטוכער
אין וואָגל פון היימען דערווייטערטע . . .

אללאה הוא אקבאר *)

צו די בלוטיקע געשעענישן
פון יאר 1929 אין ארץ ישראל.

1

אין ריזיקן טעמפל פון אללאה׳ס מאמינים
פלאַטערן שטימען פון טויזנטער הערצער,
ווי רוישיקע קוואַלן פון פעלזיקע הויכן
הילכט דער אויסגוס פון לויב און תפלה.

און ס׳קניען די קינדער פון מעכטיקן אללאה
און שטרעקן זיך אויס מיט הייליקן ציטער:

„אללאה הוא אקבאר — קיינער ניט גרעסער
און דער נביא מוהאַמאַד איז זיין שליח״.

אַזוי כוואַליעט דער ים אין ברויזיקן שטורם
ווען גאָט שיקט זיין אָטעם פון ווייטן פאַרהוילן,
און ווערן פאַרשטילט די ווינטן די בייזע,
ווערן די שוימיקע כוואַליעס פאַרשוויגן.

און שטיל ווערט דער ים, קעפּ מיט בליציקע אויגן,
און איבער זיי טראָגט זיך די שטים פונ׳ם פירער:

„איר, קינדער פון אללאה, מאמינים פון נביא,
איר אויסדערוויילטע פון גאָט און געהייליקט!
עס שוועבט איבער אונז א סכנה, אַ גרויסע
און לויערט אויף אַלע ווינקלען און וועגן.

*) גאָט איז גרעסער, מעכטיקער.

„די כופרים אין אללאה פון ווייט ווייטע לענדער,
זיי קומען צו פליען מיט מעכטיקע פליגל,
און שפרייטן זיך אויס אויף בערג און אויף טאָלן
מיט אָפענע מיילער אונז צו פאַרשלינגען.

„זיי מאַכן אונז ענג אויף אונזערע וועגן
און נעבן דעם היכל פון הייליקן נביא.
און ברענגען דעם גייסט פון גאָטלאָזע מענטשן
אַריין אינ׳ם הארץ פון אונזערע קינדער.

„מאמינים פון גרויסן און מעכטיקן נביא!
גאָט׳ס קנאה איז פול שוין ביז צו די ברעגן . . .
אין נאָמען פון אללאה מיט שווערד און מיט צאָרן
דערשלאָגן די יאָהוד ביז צו פאַרניכטונג.

„מיט טייערע כלים, מיט גאָלד און מיט זילבער,
וועט איר אָנפילן אייערע היימען,
זייערע הייזער פאַרוואַנדלען אין חורבות,
אין אש און אין שטויב — זייערע פעלדער.

„איר זאָלט זייער בלוט פאַרגיסן אָן רחמים,
ווייל דאָס איז דער ווילן פון גאָט און זיין נביא״.

אַזוי האָט געדונערט מיט פייער פון שנאה,
דער הייליקער פירער צו זיינע מאמינים.

מיט גאָלדרויב געצונדן זייערע מוחות
און זייערע הערצער מיט פלאַמיקן צאָרן.
און ווי די כוואַליעס אין אויסברוך פון שטורם,
האָבן זיך קעפּ אין אומרו געהויבן.

און ברויזיק־ווילד האָבן די קולות געשטורמט:
„מיר וועלן די כופרים אין אללאה פאַרניכטן!“

2

ביים כותל מערבי — אַ זכר פון גרויסקייט,
אַ מצבה פאַרבליבן פון גלאָררייכן עבר,
שטיל צוגעטוליעט צו די אַלט־גרויע שטיינער
שטייט אַ פאַרהילטער אין טרויער ישראל.

ווײַנט זיך דאָס האַרץ אויס פאַר גאָט זיין דערלייזער
פאַר ריין בלוט פאַרגאָסן דורך פאַלשע בלבולים,
פון צרות, ענויים, וואָס אים האָט געטראָפן
אין לענדער, אין פרעמדע, אין ביטערן גלות.

דריקט שטיל זיין האַרץ צו דער וואַנט צו דער קאַלטער
ווי אַן עלנטער יתום וואָס ביינקט נאָך זיין מוטער,
און שטרעקט זיינע הענט אויס צו זיין גאָט אין הימל
מיט געוויין און תפלה אויף זיין דערלייזונג.

און פּלוצלינג . . . דאָס רעווען פון דורשטיקע חיות
וואָס לעכצן צערייצטע נאָך בלוט פון'ם מענטשן,
און ס'וואַרפן צום רויב זיך אַללאַה'ס מאַמינים,
ווי גיפטיקע שלאַנגען אין גליענדן צאָרן,

און טראַמפּלען אויף רוקנס פון גרויע זקנים
אין אַ בייז בלוטיק ווילדן געראַנגל.

נאָך הענגט אויפ'ן כותל די טרער פון ישראל
אויף זיינע חורבנות אין ווייט־אַלטע צייטן,
און ווידער פאַר זיינע אויגן הרוגים
באַפרייטע פון גלות אין נייע רואינען,
און מיט לעצטע געשרייען פון גוסס'ע אידן
פאַרגייען נשמות צו הויכן דערלייטערט.

בערג פון גליל

בערג פון גליל, סוד פאַרהילט אין אייביק־טיפן שווייגן.
הויערט איר אין שטילקייט נאָך צו לויטערקייט דערהויבן?
פינקלט נאָך אויף אייער קאָפּ די קרוין פון גאָלד באַגינען?
אַ איר בערג פון ווידערבלי און גרויזאַמען צעשטערן.

בערג נפתלי׳ס ניי באַהעלט פון גאָלדן פרייד און שאַלן.
שירה־קלאַנגען אויפ׳ן פעלז ליגן טויט פאַרגליווערט,
ווייל די שווערד האָט אויפגעבליצטביים שיין פון אייער הימל,
און געוואַשן זיך אין בלוט פון זינגענדיקן האַרצן.

בערג נפתלי׳ס סודי׳ג שטיל פאַרטיפט אין בלויע הויכן,
אויסגעשטרעקט אין לויטערקייט צום חסד פון די הימלען.
שטייט איר נאָך דערהויבענע איינגעהילט אין רחמים,
ווען איר זאַפּט איין אין זיך דאָס בלוט פון די קדושים?

בערג נפתלי׳ס שטילע בערג פאַרטיפט אין בלויע הויכן,
איר וועט אייביק שווייגנדיק זיך טורעמען צו הויכן.
און מיט אַ ניי באַגינען אַרום קדושה־קברים,
וועט די זון נאָך שיינען אויף בליענדיקע פעלדער . . .

צום יונגן בויער

(פראַגמענט)

פריידיק־יונגער בויער אויף די בערג יהודה׳ס,
פון ברעג פון בלויען ים ביזן שטילן ירדן,
גרויע, וויסטע זאַמדען האָבן זיך דערשראָקן
פאַר דיין העלער שטים וואָס האָט געדונערט: אויפקום!

גליהיג — הייסער מדבר איז פאַרגאַפּט געוואָרן,
שטומע פעלזן־ריזן האָבן אויפגעציטערט,
פון די נאַקעט־ווילדע הויכקייטן פון גליל
ביז דעם טויט־פאַר׳חרב׳טן נידערלאַנד פון עזה.

פון דיין ברוסט ווי שטאָל צעגליט און אויסגעהאַמערט
דורך פעלקער־שנאה אין פאַרהאַסטן גלות
האָט זיך קלאָר דיין קול געטראָגן איבער פעלדער,
גבורה׳דיק פון הארץ אַרויס, וועקנדיק צום אויפבלי:

איך בין צו דיר מיין ערד געקומען פון די ווייטן,
דערלייטערט דורך פּיין, געיאָגט פון ווילדן צאָרן,
קלייד זיך חרב לאַנד מיינס אין לבושים גרינע,
כ׳גאָר נאָך שטילער רו אויף צעבליטע פעלדער.

בלי מיין ערד, דיין ליבסטער שטייט אַנטקעגן ווילדן מדבר,
ווי אַ ריזן־פעלז אין ים אין אַ שטורם־אויסברויז.
היל זיך איין אין גרין גאָלד און פריי זיך מיט דיין אויפבלי
ווי מיט איר געגאַרטן אַ כלה צו דער חופה.

ווידער גייט אויף דורך דיר די זיסע פרייד פון שאַפן,
פולע זאַנגען כוואַליען אויף די ברייטע פעלדער,
ניי ליכט האָט געצונדן דער בויער פון יהודה
וואָס באַהעלט דאָס לאַנד ביז די ווייטסטע ראַנדן.

אויפ׳ן וועג צום ירדן

ציען זיך בערג ווי אַ ריזיג גאָלדענע קייט,
דער שניי־באַדעקטער חרמון זילבערט אַנטקעגן.
ס׳האָט די זון פול שפע און שיינענדיק מיט פרייד
אירע שטראַלן בלענדיקע אויף באַרג און טאָל פאַרשפרייט,
צעגאָסן איר גאָלדענעם שיין אויף די וועגן.

אַט שטייט ביים ים אַ שוואַרצער פעלז איינזאַם און שטום,
איך שטיי ווי ער אַן עלענטער ביים זאַמדיקן ברעג.
כ׳הער פון ווייט אַ גערויש, קוק זיך שטיל אַרום,
דער בלויער ירדן רופט מיך: קום, וואַגלער קום!
זעסט דער ווייסער טאָג גייט שוין באַלד אַוועק.

פעלד און בוים פלאַקערן און ווערן ניט פאַרצערט,
ס׳קושט די זון זיי פייערדיק פאַר איר שטיל פאַרגיין.
אַט שפרייט זיך אוונט־שטילקייט, נידערט צו דער ערד.
איך האָב אויף גליל־ערד אַ שטיל געזאַנג דערהערט
אינ׳ם טראַט פון וואַנדערער וואָס גייט זיין וועג אַליין.

ש ל מ ה

1

שווייגנדיק, פֿאַרנאַכטיק שטייט דער גרינער גאָרטן,
און פֿון יעדן ווינקל שאָטנס בוים און בלום.
לעצטער שיין פֿון מערב שפּרייט זיך דאָ און דאָרטן,
נעמט דעם בוים און גראָז שטילערהייט אַרום . . .

אין געוועב פֿון ליכט און פֿאַרנאַכטיקן שאָטן,
שאַרט זיך דער קעניג דער יונגער פֿאַרטראַכט,
און וואַרפֿט זיינע בליקן צום טויער פֿון גאָרטן,
די בליקן פֿון אויגן — שוואַרצער פֿון נאַכט.

זי קומט אַן די ליבסטע לייכט ווי אַ גאַזעל,
ווען גלוטיקער שיין פֿון מערב פֿאַרגייט;
און ס׳ציטערט דאָס האַרץ פֿון דעם קעניג דעם יונגן
צום שטילן גערויש פֿון קומענדער פֿרייד . . .

און ווייט שפּרייט זיך אויס דער נאַכטיקער שאָטן,
און פֿאַלט אַזוי טונקל אין גאָרטן און שוואַרץ:
אַ קלאַפּ אינ׳ם טויער — ער קומט איר אַנטקעגן,
און זינגט אויס פֿאַר איר די פֿרייד פֿון זיין האַרץ . . .

קהלת

2

דער טראָן אַ וואונדער־געבוי פונ׳ם מזרח,
צווישן די זיילן פון מארמאר געשטעלט,
זיצט דאָרט דער קעניג אַ גרויער געבויגן,
פאַרטיפט אינ׳ם רעיון פון מענטשן און וועלט.

עס שפּרייזט אַרום אייביק דער טויט אין די גאַסן,
און קלאַפּט אין די טירן פון אָרים און רייך;
און וואָס איז דען רוהם, ווען דער סוף איז דער זעלבער
פאַר מעכטיקע הערשער און שקלאַפּן צוגלייך?

אַלץ איז דאָך ווערטלאָז און אַלץ אַזוי נישטיק,
און וואָס איז פון מי און פון אַרבעט דער לויז.
נישט אייביק קאָן פינקלען דער פּראַכט פון פּאַלאַצן,
ניט אייביק וועט שיינען די גאָלדענע קרוין . . .

עבד־אללא און לאַטיפּאַ

אין אַ טיפן גרינעם טאָל,
ליגט צעשפּרייט אַ זילבער־ים.
פליטערט אינ׳ם העלן שיין
פון אַ גליהיג־הייסער זון.
שמייכלט ווי אַ ריזן־קינד,
אין אַ טיפער זאַמדן־וויג,
צו דעם הימל — לויטער־בלוי,
כנרת קלאָרער שפּיגל־ים.

געצעלטן שוואַרצע ווי די נאַכט,
אויסגעצויגן שטייען שטיל:
מדבר־קינדער וואוינען דאָרט,
ווי דאָס ווילדע גראָז אַרום.
ביי די ברעגן פונ׳ם ים
לעבן וואַנדער־קינדער פריי,
ווי די פויגלען אויפ׳ן פעלד,
אונטער הימלען טיף און בלוי.

אין אַ ליכטיק, רייך געצעלט,
אויף טאַפּעטן בונטע זיצט
שייך חאַסאַן, דער שטאָלצער גרייז,
און זיין טאָכטער שפּרייזט אַרום.
ווי אַ בלום אין פרישן טוי,
צעוויקלט זיך ביים מאָרגן־שיין.
ווי אַ ליליע ביי דעם טייך,
בליהט לאַטיפּאַ שייך חאַסאַנ׳ס.

זאָג מיר טאָכטער — פרעגט דער גרייז —
ליבסט ראַשיד׳ן, אויג דו מיינס?
אינ׳ם שאָטן פון זיין געצעלט,
וועסטו אייביק גליקלאַך זיין!

פאַר די אויגן לאַטיפאַ׳ס שוואַרץ
שוועבט אַ טרויער־וואָלקן אום.
און ס׳פאַלן טרערן הייס,
אויף דער קאַלטער ערד אַראָפּ.

בלוי פאַרנעבלט שטייען בערג,
ווי פאַר׳יתומ׳ט און באַ׳צער׳ט.
גיסט די זון איר גאָלד־שיין אויס,
אויף די בלויע ריזן־קעפּ.
שאַרן שאַף זיך שטיל אַראָפּ
אינ׳ם טיפן גרינעם טאָל.
עבד אללא שפּרייזט נאָך זיי
פון די גאָלד־באַקרוינטע בערג.

וואַסער־בלויקייט פון די בערג,
פליסט אַראָפּ אין גרינעם טאָל.
צווישן ליליען שטייען שאָף,
טרינקען פונ׳ם קלאָרן טייך.
עבד אללא אויף זיין פלייט
שפּילט זיין צער דעם טיפן אויס,
פון אַ האַרץ פאַרפולט מיט וועה,
ווען דער העלער טאָג פאַרגייט . . .

שפּרייזן מיידלאַך פול מיט פרייד,
וואַסער שעפּן פונ׳ם טייך.
און ס׳זינגען בערג אַרום,
מיט די טעכטער פונ׳ם טאָל.
שטימען זיסע קלינגען ווייט,
און ס׳גליען אויגן ווילד.
אין שטילן צער גייט נאָר איינע,
די שיינע טאָכטער שייך חאסאנ׳ס.

שעפּט לאַטיפּא פונ׳ם טייך.
מיט פאַר׳כשופ׳ט זיסן בליק,
צווישן זיינע קלאָרע שאַף,
עבד אללא שטייט און שפּילט.
פול מיט בענקשאַפט וויינט די פלייט,
ס׳וויינט די פלייט אין טיפן פּיין:
אַ לאַטיפּא, קום צו מיר,
ס׳נאגט מיין האַרץ און בענקט נאָך דיר.

אין אַ גאָלד־שפּור פון דער זון,
פרייען זיך די בערג אַרום.
און די פליגלען פון דער נאַכט
האָבן שוין דעם טאָל פאַרדעקט.
מיט לאַטיפּא׳ס שטילע טריט,
איז פאַרגאַנגען אויך דער טאָג.
עבד אללא איז געבליבן
אין דער שוואַרצער נאַכט אַליין.

ביי דעם לאַגער פלאַקערט ווילד
אַ פייער רויט פון צווייג און גראָז.
זקנים זיצן שטיל אַרום,
שמועסן ביים רויטן שיין.
שאָטנס שוואַרצע קריכן אום,
טאַנצן איבער פעלד און בוים.
ס׳לעשט זיך אויס דער לעצטער פונק,
זקנים שאַרן זיך אַהיים.

ס׳ווייעט אַ פריש־קילער ווינט,
פון די הויכע בערג אַרום,
און פאַרוויגט אַלט און יונג
אין אַ רוהיג־זיסן שלאָף.
עבד אללא ביי דעם ברעג
פון אַ טונקל־בלויען ים,
אין אַ שטילער פרילינג־נאַכט
פלאַטערט, קלינגט זיין זילבער־שטים.

ים דערוואַך! צעשפּיל דיין צאָרן,
שלאָג די ברעגן ווילד.
דערהויב מיט שטורם דיינע וועלן
רייס די פעלזן אויס.
רוישן זאָלסטו — שרייט עבד אללא —
ווי עס רוישט מיין האַרץ.
זאָל איבער ריזן־הויכע בערג
דונערן דיין שטים.

דערמאָנען וועט זיך דאַן אַן מיר,
די שענסטע בלום אין טאָל.
וועט קלעטערן און זוכן מיך
אויף די פעלזן־בערג.

זי וועט קוקן ווילד, צעשראָקן,
אין אַ פינסטער הייל,
וואַרפן וועט זי פייער־בליקן
אויף אַ קאַלטן פעלז.
זי וועט פאָרשן אויף די וועגן,
פרעגן ביי די בערג.

ווי אַ גאַזעל וועט זי לויפן,
נידערן אין טאָל.
ביי דעם קלאָרן זילבער־טייך
געפינען וועט זי מיך.

אין מיינע ארעמס ווי אַ טויב
פאַלן וועט זי שטיל.
אין אירע נאַכט־שוואַרצע אויגן
שיינען וועט אַ טרער,
ווי עס שיינט דער מארגנשטערן
פאַר׳ן העלן טאָג.

אַ בלום צאַרטע! אויף מיין שולטער
איר קליין־רונדער קאָפּ.
ציין ווייס ווי קלאָרער שניי,
איר פּנים — פול מיט חן.
איך וועל מיט לאַטיפאַן יאָגן,
איבער באַרג און פעלד,
ווי די וואַלקנס אויף די פליגלען
פון אַ שטורם־ווינט.

אינהאַלט:

פיר מיך — מאַטער שטערן 1

פיר מיך מאַטער שטערן 5
מיין האַרץ אין געראַנגל 6
וויזיע 7
זומער אין וואַלד 8
כ'האָב געעפנט צו די בערג מיינע אויגן 9
ווי זאַמען אויף פעלזן 10
צו דיין בליהונג, ערד 11
שווערע, טריבע טעג 12
נשמה מיינע 13
צום ווייטן, בלויען ראַנד 14

אַזויפיל הענט שטרעקן זיך 2

אַזויפיל הענט שטרעקן זיך 17
זינג אין מיר האַרץ 18
מדת הדין 19
אויסגעשריי פון אומקום 20
ערגעץ אין אַ וואַלד 21
פאַרריגלט די טירן 22
אין די שעה'ן פון אומרו 25
מיין האַרץ זינגט ניט מעהר 26
יערע רויז אין פעלד 27
דערנענטער זיך טאָג 28
אַרום פייערן צעצונדענע 29
ווי אין פאַלאַץ בלשאַצר'ס 31

קלאַנגען 3

פאַראַן רייד ליבטיקע 35
ווייטע קלאַנגען 36
קום וואַנדער 37
שטעה איך אויף גאָלדענער שוועל 38
פרילינג ווי אַ קוואַל 39

ווייסע זעגלען פלאטערן 40
דער ראנד פון וועג 41
די פרייד פון מיין רו 42
ערגעץ ווארט די שעה 43
ווייסע, קלארע וואלקנס 44

פון בראשית 4

בראשית 47
דער אורמענטש 48
די קינד פון גרויסן באשאף 51
גאט 52

צום בויער 5

צום בויער 57
אז אומגעזעהן ליכט 58
רו (פראגמענט) 59
נאקטורן (פראגמענט פון א לענגערע פאעמע) 60
רינגען 62

בערג פון גליל 6

פון דער פרעמד 67
צפת 69
א שטאט איבער קברים 72
רבי יוסף דילה ריינה 74
אללאה הוא אקבאר 77
בערג פון גליל 81
צום יונגן בויער (פראגמענט) 82
אויפ'ן וועג צום ירדן 83
שלמה 84
קהלת 85
עבדאללא און לאטיפא 86